גליון ב | משפטים - תרומה




## והחיה נרדמים

לעבהאפט טראפנס פונעם קוואל פונעם הייליגן ר' נתן

# עס איז נישט קיין הפקר וועלט!

פרי-פארטאגס. ר' שלמה וועקט זיך אויף און ציהט אויס זיינע איינגעבויגענע ביינער, ער ריקט אוועק די פארהאנג, ער בליקט ארויס פון פענסטער ווען פלוצלינג... עס ווערט אים פינסטער פאר די אויגן... די טיר פון זיין דערנעבענדיגן שטאל איז ברייט צעעפנט, און אלע אקסן און שעפעלעך פון ווי ער ציהט זיין גאנצע חיונה צו שפייזן די פאמיליע, זענען נישטא, ווי זיי וואלטן פארשוואונדן געווארן צוזאמען מיט די לבנה אונטערגאנג אין די טונקלקייט פונעם נאכט.

עס האט לאנג נישט געדויערט ביז מען האט צוזאמענגעשטעלט דאס בילד: א שוידערליכער גניבה איז דא פארגעקומען די נאכט... נישט לאנג האט גענומען ביז עס איז פעסטגעשטעלט געווארן אז דער גנב איז נישט קיין צווייטער ווי בערקע, 'דער גאסן-יונג' ווי אלע פלעגן אים רופן. בערקע איז שוין פון לאנג געווען באוואוסט אין שטאט מיט זיינע 'מעשים טובים' אבער אויף אזוינס האט זיך קיינער נישט געריכט.

מיט גרויס 'כבוד' האט מען אים אפגענומען צום בית-דין צו הערן וואס מען האט דא צו טוהן מיט אים. נאכ'ן גוט חוקר ודורש זיין בערקע'ן איז טאקע ווירקליך אויפגעוויזן געווארן אז 'ידו במעל' אין אט די געפערליכע גניבה. בי"ד האט ארויסגעגעבן דעם פסק דין: בערקע איז מחוייב צו באצאלן סיי דער קרן, און אין צוגאב צו דעם מוז ער אויך באצאלן "כפל" - דאָפּעלט! אזויווי די תורה פארלאנגט: אִם הִמָּצֵא תִמָּצֵא בְיָדוֹ הַגְּנֵבָה, מִשּׁוֹר עַד חֲמוֹר עַד שֶׂה חַיִּים - שְׁנַיִם יְשַׁלֵּם.

עס איז תיכף אראפגעשיקט געווארן אפאר שליחים צו בערקע'ן אין שטוב ארייז אפצונעמען די גניבה אבער ווי ערשטוינט זענען זיי געווארן אנקומענדיג אהין אז עס פעלט שוין א היפשע חלק פון די גניבה. בערקע האט שוין עספיעט אין די צייט אפצו'שחט'ן אפאר שעפעלעך און פארקויפן אפאר אקסן. דער פרישער פסק פון בי"ד האט נישט געשפעטיגט צו קומען: בערקע איז מחוייב צו באצאלן פיר מאל אזויפיל די ווערד פון די גע'שחט'ענע שעפעלעך און פינף מאל אזויפיל פון די פארקויפטע אקסן!

יא, אזוי איז עס. עס איז נישט קיין הפקר וועלט! "סוף גנב לתליה". אויף אלעס וועט ער צום סוף דארפן אפגעבן א פונקטליכע דין וחשבון!

## האלט! א גנב איז אין געגנט

רבותי. זייטס געווארענט! עס דרייט זיך ארום א גנב... ער לאקערט אין די באהעלטענישן... באפאלט זיינע קרבנות און בארויבט זיי פון קאפ ביז פיס... אזוי שילדערט דוד המלך אין תהילים (י', ח-ט): יֵשֵׁב בְּמַאְרַב חֲצֵרִים, בַּמִּסְתָּרִים יַהֲרֹג נָקִי... יֶאֱרֹב בַּמִּסְתָּר כְּאַרְיֵה... יֶאֱרֹב לַחֲטוֹף עָנִי...

דער גנב איז נישט קיין צווייטער ווי דער אלט-באקאנטן יצר הרע וועלכער לאקערט אויף אונז, אויף אלע פראנטן, אזויווי א העכסט פארמאסקירטער גנב. ער פארדרייט דעם מענטש'נס קאפ ביז ער באווייזט אים צו בארויבן די טייערע אוצרות פון תורה ומצוות, אים איינרעדענדיג עס נישט צו טון. אויף פארשידענע אופנים באווייזט ער זיך צום מענטש ער איז אים מכשיל מיט דאס הארבסטע און דאן ווען דער מענטש וויל זיך צוריקכאפן און תשובה טון ערשיינט ער פלוצלינג באקליידעט ווי א גרויסע צדיק און זאגט אים דו מיינסט אז דער אייבערשטער דארף דיר נאך? דער אייבערשטער וויל דיר מער נישט קענען (ח"ו,. און אזוי ב'גנב'עט ער ווייטער דעם מענטש פון אמת'ע גוט'ס.

ווער רעדט נאך פון דעם ווען נאכדעם וואס עס געלונגט אים אריינצוכאפן דעם מענטש אין זיין פאסטקע אים שטרויכלנדיג מיט פארשידענע געפערליכע עבירות, וואס דאן באקומט ער נישט נאר די קרעדיט פון די עבירה, נאר ליידער געלונגט אים אוועקצורויבן און גנב'ענען די תורה ומצוות וואס דער מענטש האט געטוהן ביז דאן, אזויווי עס ווערט מבואר אין די ספרים הקדושים אז ווילאנג א מענטש איז א בעל עבירה דאן גייט זיין גאנצע תורה ומצוות גראד צו די סטרא אחרא רח"ל, זיי גנב'ענען דאס תיכף אוועק.

וואס גייט דא פאר? דער יצר הרע קען זיך טון וואס ער וויל? ער בא'גנב'עט די מענטשהייט און נעמט נאך קרעדיט פארדעם??!

## אלעס קומט צוריק!

דער ענטפער איז: ניין! ממש נישט! דער וועלט איז נישט הפקר! ער וועט נאך אויף אלעס טייער באצאלן! אבער נאך ווי...

ער וועט נאך אויף אלעס טייער באצאלן! אבער נאך ווי...

חז"ל זאגן גדולה תשובה שזדונות נעשות לו כזכיות (יומא פו:). ווען א מענטש טוט תשובה, דאן באקומט ער צוריק נישט נאר די מצוות וואס ער האט ווירקליך געטוהן, נאר אפילו זיינע זינד וואס דאס געהערט דאך טאקע געוויס פאר'ן בעל דבר, דאס ווערט אויך צוגעלייגט צו די קאנטע פון זיינע 'מצוות' גאר! דאס הייסט, דער איד וואס האט נארוואס תשובה געטוהן האט גאר פארדינט נייע פרישע מצוות דורך דעם בעל דבר אליין!

קומט אויס אז ווען א מענטש טוט תשובה וועט נישט נאר דער יצר הרע דארפן צוריקצאלן די עצם קרן אויף די גניבה, דאס הייסט די תורה און מצוות וואס ער האט פארכאפט, נאר ער וועט נאך דארפן צולייגן כפל און צומאל נאך אפילו ד' וה' - ווענדט זיך נאר אויף ווי ווייט זיין התגברות אויפן קרבן איז געווען. ווי מער שטערקער און געמיינער די גניבה און די התגברות איז געווען, ווי מער ער האט באוויזן אראפצושלעפן דעם מענטש אין א טיפערע זומפ, אלץ טייערער וועט דאס אים אפקאסטן מיט העכערע פראצענטן.

לערן דיר אויס די כלל! עס איז נישטא קיין שום דבר שבקדושה וואס קען ווערן צוגענומען! אפילו א גוטע רצון! אויף אלעס וועט דער בעל דבר דארפן צוריק באצאלן בכפלי כפלים, מען קען גארנישט צונעמען פון א איד! און טאמער באווייזט ער יא עפעס צוצונעמען איז דאס נאר צייטווייליג, 'לפי שעה'. א יעדע דבר שבקדושה וואס א איד האט אפגעראכטן דורכאויס זיין לעבן, אפילו א נארישע קלייניקייט, בלייבט דאס ביי אים, לעולם ועד, און אויב די סטרא אחרא וועט זיך דערוואגן צו פרובירן אוועקצוכאפן איין מצוה'לע אדער איין אידישע נשמה, אוי – וועט ער טייער באצאלן דערפאר! דער עיקר: לאז זיך נישט ארייננפאלן אין חלישת הדעת, האלט זיך שטארק! כאפ אריין וואס דו קענסט און פארזוים זיך נישט תשובה צו טוהן, ווייל א שאד אויף די צייט! (זעה מער באריכות אין ליקו"ה תרומות ומעשרות ה"ג, ב. און אין הל' ערבית ה"ד, ל"ד).



# זאג מיר, פארדעם זענען מיר דא?

עטליכע קאווע שטויבעלעך האבן זיך נארוואס באקוועם געמאכט אינעם גלעזל וואס געפינט זיך אין משה יצחק'ס האנט. ביז עטליכע סעקונדעס וועלן זיי צעלאזט ווערן אונטער א שטראם בריעדיגע וואסער, נאכגעפאלגט מיט ווייסע טראפנס מילך וואס וועלן זיי אפקילן. משה יצחק'ס אויגן האבן געלאנדעט אויף א גרויסע מודעה אויפן וואנט וואס לאדנט איין דעם עולם צום ספעציעלן גראנדיעזן חנוכת הבית וואס וועט געפראוועט ווערן אויף א רייכע פארנעם דעם קומענדיגן מוצש"ק מיט די השתתפות פון טויזנטער ברסלב'ער חסידים לרגל די ערעפענונג פון בית מדרשינו הגדול.

די צעטלעך האבן פאראויס געזאגט אויף א זעלטענעם מעמד מיט פראמינענטע רעדנערס, און פארגאפטע דרשות, וואס וועלן באצויבערן דעם ציבור מיט די ליכטיגע דיבורים פון הייליגן רבי'ן. אזוי אויך וועט אויפן פלאץ פארקומען א ריזיגע סעיל אויף אלע ספרי רבינו, די אויספארקויף ווערט געשאצט צו זיין די ערשטע און גרעסטע - -

מער האט משה יצחק נישט געליינט...אַן אויפגעברויזטער האט ער שנעל געריכטעט זיינע טריט אין היכל עזרת נשים פון שול, דארט וואו עס קומט אצינד פאָר די וועכנטליכע חבורה, אין איין אָטעם פראַלט ער אויף דער טיר, לויפט אריין און גיט א קלאפ אויפן טיש: "מוריי ורבותיי!

וואס קומט פאר דא? "אונז" זענען שוין אויך ממש אינגאנצן צעדרייט געווארן?!"

א שטילקייט האט באנומען דעם טישל, ווען איינער קוקט זיך ארום איינער אויפן צווייטן נישט פארשטייענדיג וואס גייט פאר.

אבער צו לאנג האט משה דוד נישט געלאזט די שטילקייט, נאר ממשיך געווען זיינע רייד. "טייערע חברים, לאמיר נישט פארגעסן פארוואס זענען מיר געקומען צום רבי'ן, וואס זוכן מיר דא, וואס איז דער תכלית, און פארוואס האבן מיר זיך אזוי מוסר נפש געווען ביז מיר האבן זוכה געווען זיך צו באטיטלען מיט דעם נאמען "ברסלבער".

מיר זענען דא פאר איין ציל, "נענטער ווערן צום אויבערשטן", און דערפאר, און נאר דערפאר, זענען מיר געקומען צום הייליגן רבי'ן, ער שטארקט אונז, ער גיט אונז זיסע ליכטיגע געשמאקע הייליגע הערליכע ניצבארע עצות, ער שיינט אריין אין אונז, ער גייט פאַר אונז, ער טראגט אונז, און ער נעמט זיך אונטער אויסצופירן מיט אונז, זענט איר מסכים מיט מיר?

א ווינט פון הסכמה נעמט ארום דעם שטיבל, ווען אלע שאקלען מיטן קאפ, ווי זאגנדיג, "אוודאי, פארדעם זענען מיר דא".

טא, אויב אזוי, קען מיר איינער מסביר זיין, וואס איז פשט פון די "חיצוניות" וואס מען פרובירט אריינצוברענגען דא? ווי געזאגט זענען מיר אלע דא נאר פאר "פנימיות", נו, וואס פעלט דען אויס צו בויען אזא שיינע גרויסע ביהמ"ד? ברסלב באלאנגט אין א צעבראכענע טונקעלע קעלער מיט א קוגל-פארשמירטע פלאָר, וואס איז די ביהמ"ד "הגדול"? "הגדול" מכלל דאיכא קטן, פארדעם זענען מיר דא"? אויב דארף איך "טויזענטער" מענטשן מיט "באַגאַבטע" רעדנערס, קען איך צוריק גיין צו חסידות מעבלאטשופ פון וואו איך קום; איך בין געקומען צו ברסלב צו שעפן רוחניות'דיגע פנימיות'דיגע חיות, נישט חיצניות'דיגע לעבהאפט. ווי הייסט נאר דער קאלום? "חיות דקדושה" - אט דאס דארף איך דא, וואס האב איך פון דעם אז מיר זענען די ערשטע און די גרעסטע?

## חיצוניות איז נאר פון אינדרויסן

יוסף זונדל האט גענומען א טיפע אָטעם, זיך אנגיסנדיג א גלעזל אראנזש דזשוס, און נאך אַן ערליכע 'שהכל' און א שלונג, האט ער אנגעהויבן רעדן:

"די פאקט איז, חיצוניות פארנעמט גאר א גרויסע אויבן אָן ביי דעם 'עם הנבחר' - די אידישע רעליגיע. מיר זעהען גאר אסאך ווי מען מאכט אַן עסק פון "חיצוניות". גיב א קוק, די גאנצע אידישע - ווער רעדט נאך - חסידישע - "לבוש" איז איין שטיק חיצוניות, און דאך זעהען מיר ווי אין אלע דורות האט מען זיך מוסר נפש געווען פאר דעם. אויך דער הייליגע רבי מאכט א בראַטל דערפון. חז"ל זאגן דאך, 'בזכות שם לשון מלבוש נגאלו אבותינו' - דריי חיצוניות'דיגע ענינים. אויך שבת טרעפן מיר אז די טיש דארף זיין שיין א ריינע הויז, א שיינע בגד לכבוד שב"ק. די זעלבע, א ביהמ"ד, ווערט געברענגט, דארף מען מאכן שיין. און אזוי ווייטער פיל מאל טרעפן מיר אז מען מאכט א מצב פון חיצוניות. (ר' נתן זי"ע אליין האט אמאל געזאגט, ווען נישט דעם זילבערנעם לייכטער ביים רבי'ן, וואלט ער נישט מקורב געווארן).

נאר וואס דען? וואס טאקע ביסטו אזוי בייז? דאס קען זיין ווייל אין דער פלאץ פון וואו דו קומסט, איז דאס גאנצע חיצוניות געווארן פנימיות. דאס הייסט, די אלע אויבנדערמאנטע זאכן, די שיינע בנינים, טויזנטער מענטשן, הערליכע מעמדים, אויף אט די אלע זאכן איז באשטאנען די גאנצע חסידות, פון דעם האט מען א גאנצן טאג גערעדט, מיט דעם האט מען געלעבט. איך וועל דיר זאגן נאכמער - דאס איז געווען משה אברהם'ס קול - פאקטיש האט יעדע זאך א פנימיות און א חצוניות. אויב פון דער חיצוניות מאכט מען פנימיות, דאן וואס בלייבט איבער פון דער חצוניות? רח"ל.

## אריינגיין אין דער חיצוניות

אַה האַ - זינגט משה יצחק פארטראכט - הייסט אזוי; איבעראל איז דא פנימיות, און איבעראל איז דא חצוניות, מען דארף נאר זען אז יעדע זאך זאל בלייבן אויף זיין פלאץ, געדענקן און חזר'ן פארוואס מיר זענען דא, זיך אנזאפן מיט די הייליגע ספרים, מקיים זיין די מורא'דיגע עצות, און די חצוניות זאל בלייבן סך-הכל א דרויסנדיגע זייטיגע זאך. איך הער.

איך מיין אז עס גייט אביסעלע טיפער - הערט זיך דוד'ס שטילע קול - א טייל פון די ליסטע "חיצוניות'דיגע" זאכן וואס דו האסט אויסגערעכנט, אז מען גייט אביסל אריין אין דעם, קען מען טרעפן א פנימיות אין דער חיצוניות. למשל, דאס אז עס גייט זיין דארט טויזענטער מענטשן. אויבן אויף איז עס א חיצוניות'דיגע זאך, נישט פארדעם זענען מיר דא - צו זיין אין א חסידות וואס האט טויזענטער מענטשן, מען קען זיין א ברסלב'ער חסיד אָן דעם, און נישט ווייל עס איז דא אזא עולם מיינט אז דא איז דער אמת.

א ברסלב'ער חסיד וואס ווייקט זיך אין ליקוטי הלכות, קוקט עס אבער אָן מיט אַן אנדער בליק אינגאנצן. ער זעט דא א כח פון א צדיק פון צוויי הונדערט יאר צוריק, וואס כאטש ער לעבט שוין נישט אזוי לאנג, דאך דרינגען זיינע דיבורים אריין אין טויזענטער הערצער פון אידן אין אונזער דור.

ער גלייבט אז יעדעס מאל עס קומען זיך צוזאם א ציבור פון אנ"ש, ציהט מען צו זיך דעם רבי'ן. און ווי גרעסער דער עולם - איז דא א גרעסערע השראה.

ווער רעדט נאך פון די ראיית פני הצדיק, וואס דער טשעהרינער רב ז"ל זאגט אז היינט גייט דאס ארויף אויף אונזערע לייט - אז מען קוקט אויף די פנימ'ער פון די מקורבים לצדיק.

און דא קומט אויך אריין די ריבוי הבתים, וואס ר' נתן זי"ע רעדט אזוי שטארק וואס עס געשעהט מיט יעדעס איינציגסטער נפש וואס קומט צו צום קיבוץ.

און אזוי אויף דעם וועג פרובירט מען אריינצוגיין אין די פנימיות פון די חצוניות, אזוי אז דאס גאנצער חיצוניות ווערט שוין באלד אויס חיצוניות.

און איך טראכט - לייגט יעקב זאב צו - למעשה בין איך א מענטש פון בלוט און פלייש, און איך האב אביסל ליב חיצוניות, "עקשען" ווי מען רופט עס, אויב וועל איך עס נישט טרעפן דא, וועל איך עס מסתמא גיין זוכן ערגעץ אנדערש.

די זייגער האט געקלאפט אויף פינעף נאך ניין. זאנוויל האט זיך שוין אויפגעשטעלט צוזאמנעמען די עסן.

יוסף זונדל האט געמאכט א הויכע 'בורא נפשות', און משה יצחק מיט א בארואיגטע געוויסן מאכט זיין וועג צוריק אין קאווע שטיבל מיט זיין גלעזל קאווע שטויב צו ענדיגן מאכן זיין קאווע.

פרנס הגליון

כל זכיות הדפסת הגיליון
נתרמו ע"י ידידנו היקר
הר"ר **מנחם דוד לאנדא** שליט"א

לרגל נישואי בתו עב"ג החתן
**חיים אלכסנדר** בן הר' **יונה פעדער** שליט"א
בזכות זיכוי הרבים יזכו לבנות בית
נאמן בישראל.

מזל טוב לידידינו
הר"ר **ישראל בריינס** שליט"א
**לרגל הולדת בנו למזל"ט**
בזכות רביה"ק יזכה לגדלו לתורה ולחופה ולמעש"ט.
וויליאמסבורג



# להחיות עם רב

תשועה ברוב יועץ
בדרך שאלה ותשובה

הרה"ח ר' שאול סירוטה שליט"א

## שאלה:

איך בין א בחור אין ישיבה, איך פראביר צו לערנען און דאווענען וכדו, אבער נאטורליך בין איך א שעמעוודיגער, און איך בין ווייט פון געזעלשאפט, איך בין אויסגעשפילט פונעם גאנצן ארום, און איך שפיר ווי קיינער דארף מיר נישט. מיט ווייטאג פרעג איך מיין פראגע - צו דארף איך טאקע ארבעטן דערויף זיך אריינצופאסן צווישן די חברים, אדער אפשר פארקערט, ווי מער מען איז פאר זיך אן פארבינדונג מיט אנדערע איז געזונטער פאר עבודת ה'?

## תשובה:

### די סכנה פון געזעלשאפט

תשובה: גאר א פארצווייגטע נושא, וואס איז אוממעגליך צו ענטפערן דערויף בשלימות אין דעם קאלום אבער פארט וועלן מיר בעז"ה פראבירן אנצורירן עטליכע נקודות אין דעם ענין.

די אמת'ע תשובה איז אז עס ווענדט זיך פארוואס און מיט וועלכע ציל מען וויל די געזעלשאפט – אויב די כוונה דערפון איז בלויז זיך נישט צו שפירן עלנד, נישט צו זיין אויסגעשפילט און שטיין ביי די זייט ביי יעדע שמועס, נישט פארברענגען צוזאמען מיט א געשמאק. אזא סארט געזעלשאפט איז ווייט פון עבודת ה' און האט נישט קיין שום תכלית.

פיל מער פון דעם, אזא געזעלשאפט קען ברענגען נישט גוטע תוצאות, ווי דער הייליגער מסילת ישרים (פרק ה') דרוקט זיך אויס שארפע ווערטער, אז פון די שטארקע סיבות צו מוותר זיין און נאכלאזן חלקים פון עבודת ה' איז צוליב די פחד אז די ארומיגע וועלן אים אויסלאכן וכדו', און אפילו דער מענטש וואלט פון זיך אליינס יא זיך געשטארקט צו טון גוטע מעשים, אבער צוליב די רצון צו זיין אנגענומען ביי חברים קען ער דאס צומאל נישט טון.

די עצה דערויף האט אונז דער רבי געלערנט (ליקוטי מוהר"ן תנינא בפתיחה), אז צו קענען אנהויבן דינען דעם אויבערשטן מוז מען גיין אין די וועגן פון אונזער זיידן אברהם אבינו ע"ה. זיך פארצושטעלן ווי "אחד היה אברהם" אז מען איז אליינס אויף די וועלט, און זיך אינגאנצן נישט רעכענען וואס די ארומיגע זאגן און טראכטן. ( זעה אויך שיחות הר"ן סי' פ"א און ליקוטי הלכות הל' ברכת השחר ה' אות צ"ב און נאך).

ווי אויך קען אזא פראסטע געזעלשאפט צוברענגען צו רעדן און הערן נישט אויסגעהאלטענע זאכן ח"ו.

### די גרויסקייט פון אהבת חברים

עס איז אבער דא אן אנדערע סארט געזעלשאפט, א געזעלשאפט פון זיך אינטערעסירן אין די וואוילזיין פון די חברים. א געזעלשאפט פון פריינטשאפט און אהבת חברים, וואס דאס איז גאר חשוב און הייליג, ווייל דאס איז די שטערקסטע כלי פאר השראת השכינה און קבלת התורה. נישט אומזיסט האבן חז"ל אוועקגעשטעלט די מצוה פון ואהבת לרעיך כמוך אלס א "כלל גדול בתורה".

א ספעציעלע חשיבות טראגט די פריינטשאפט און אחדות צווישן חברים עובדי ה', וואס דאס איז פון די גרעסטע יסודות אין אידשקייט – דער הייליגער רבי האט אוועקגעשטעלט (ליקוטי מוהר"ן ס' ל"ד), די ענין פון רעדן מיט חברים אין עבודת ה', אלס איינע פון די דריי נקודות וועלכע פארמאגן דעם געטליכן כח צו אויסהיילן די הארץ פון א איד פון אלע תאוות רעות. און דאס געבט די כח זיך צו מחדש זיין טראץ אלע נפילות און שלעכטע תאוות, און די אהבת חברים דאס ברענגט לעבן אינעם מענטש וואס אים דעם איז מען ממש ווי געשטארבן (ליקוטי הלכות הל' ברכות הראי' א').

ווי אויך איז נישט מעגליך צו מקבל זיין די געוואלדיגע ליכטיגקייט וואס דער צדיק שיינט אריין, אויב מען לעבט אליינס פאר זיך אן חברים (זעה אוצר היראה ערך שלום ואחדות ח' טו יז לג צה און נאך). דערפאר האט טאקע דער רבי מרמז געווען פאר זיין הייליגע הסתלקות, אז די איינציגסטע וועג וויאזוי צו מקבל זיין היינט צוטאגס פון זיין ליכטיגקייט און זיין כח איז דורך זיך האלטן צוזאמען (חיי מוהר"ן סי' רי"ח).

אין די צוואה פונעם רבי'ן (ליקוטי מוהר"ן תנינא סי ח'), ווערט ערקלערט די געוואלדיגע אומשאצבארע כח פון קדושה וואס ווערט געדאפלט אן א שיעור מאל, דורך דעם וואס אידן נעמען זיך צוזאם מיט א שלום און אהבה.

דער הייליגער רבי נתן אין ליקוטי הלכות (הל' קריאות התורה ו' ל'ז), ברענגט ארויס מיט פלאקערדיגע דיבורים - אז די גאנצע האפענונג און די איינציגסטע עצה פאר אונז אלע וואס האבן א פעקל פון עבירות רח"ל, איז צו שטרעבן א גאנץ לעבן צו ווערן איינגעגעסן צווישן די גאנצע ציבור.

### נקודת עצמו

עס איז אבער וויכטיג צו באטאנען וואס ר' נתן שמועסט דארט אויס, אז טראץ די אויסטערלישע חשיבות פון זיך האלטן צוזאמען, דארף מען זיך אויך אריינברענגען אז אפילו ווען ער איז נישט מיט די חברים וועט ער נישט אפלאזן זיין אייגענע עבודת ה'.

נאך אלעמען איז כדאי ארויסצוברענגען, אז אפילו אזא סארט מענטש וועט פראבירן זיך איינצולעבן מיט חברים, וועט ער אבער פארט זיכער נישט זיין אזוי שטארק געזעלשאפטליך ווי די וואס זענען געבוירן געווארן מיט אזא נאטור. דעריבער טאר מען נישט פארגעסן די ליכטיגע וועג פון "תמימות" זיך צו קענען פירן מיט זיין נאטור וואס דער רבוש"ע האט אים געגעבן, און נישט ווערן צובראכן צוליב וואס ער איז נישט פונקט ווי זיין חבר, דאס איז זיכער נישט אויסגעהאלטן (זעה ליקוטי הלכות הל' שבת ז' ע"ג הל' פסח ט' כ"ב).

מען דארף געדענקן די גוטע חלקים פון די מידה פון שעמעוודיגקייט, וואס ווען מען נוצט דאס אויפן ריכטיגן אופן איז דאס אודאי א טייערע הייליגע מדה. און שטרעבן צו כאפן די גוטע חלקים פון געזעלשפאט – אין דעם ענין איז גוט אדורך צו לערנען גרונטליך די וואונדערליכע ווערטער פון רבי נתן אין ליקוטי הלכות (הל' ברכות הראי' ה' ו'), וואס ער מאכט ליכטיג די אויגן וויאזוי צו קענען אנגיין מיט די אייגענע גוטע מדות און אין די זעלבע צייט נישט זיך אינגאנצן אפטיילן פון זיין חבר'ס מדות.

---

## א פונק פון חיות

# א ווינטערדיגער פרייטיג צו נאכט קען מען פועלן ביים אויבערשטן אזוי ווי א נאכט פון כל נדרי

שיש"ק חלק ג' תנ"ז

---



## מקור מים חיים

א ווארט אויף די פרשה

### שיחזק את חבירו וידבר עמו ביראת שמים

**כִּי תִרְאֶה חֲמוֹר שֹׂנַאֲךָ וגו' עָזֹב תַּעֲזֹב עִמּוֹ**

**שונא** פירשו רז"ל **שעבר עבירה.** וזהו כי תראה חמור שונאך דהיינו שתראה חבירך שעבר עבירה והגביר על עצמו **החומר** שהוא רוח הבהמיות **ורובץ תחת משאו** - של עוונותיו (ע"ש: "כמשא כבד יכבדו ממנו"), ע"ז צוותה התורה **עזוב תעזוב** עמו שמחוייב לעזוב לו לפרק מעליו המשא הכבד של העוונות ע"י שיחזק את חבירו וידבר עמו ביראת שמים:

(ליקו"ה פריקה וטעינה ב')

# אילנא דחיי

עובדות און סיפורים פון פארצייטישע חסידים

## דער רבי פירט טיש

### ברסלב - תקס"ד

"זיינע אויגן האבן געלאכטן ווי די זון און די לבנה ממש. בפרט שבת קודש, האבן זיינע אויגן זייער זייער געלאכטן, זיין פנים האט געשיינט און געוועזן פארפלאמט אין שבת קודש. און ווער עס האט נישט געזען די שטארקע קדושה און די פלאמפייערדיגע דביקות אין שבת קודש, און די סדר פון זיין קידוש פרייטאג צונאכטס מיט די סדר פונעם 'טיש', און די ניגון וואס ער האט געזינגען "אתקינו סעודתא" "אזמר בשבחין" און ווי אזוי ער האט געזינגען די איבעריגע זמירות "כל מקדש", "מנוחה ושמחה", "אשת חיל", און "מעין עולם הבא", -ווער עס האט דאס נישט געזען, האט נישט געזען קיינמאל קיין גוטס. און ווער עס איז געווען אנוועזנד ביי דעם מעמד האט עדות געזאגט אז אזאנס וועט נישט געזען ווערן ביז משיח צדקינו וועט קומען.

אפילו אויב אלע ימ'ען וואלטן געווען טינט וכו' קען מען נישט אראפגעבן א קליין ביסל פון וואונדערליכע שיינקייט די פארכטיגע הייליגקייט די שטארקע יראה און די זיסע געשמאקע וואונדערליכע דביקות וואס איז דאן געווען, מיט אזא אמת'ע ענווה וואס איז נישט געזען געווארן אינעם וועלט. און דאס אלץ איז נאר לויט די דערגרייכונג פון אונזער דעת, אויסער די סתרי נסתרות וואס איז געווען באהאלטן אין דעם.

פאר קידוש האט ער גענומען דעם כוס אין האנט און געשטאנען א לאנגע ווילע פארן טיש שווייגענדיג מיטן כוס אין האנט, מען האט נישט געהערט פון אים בלויז א שטיקל קול פון השתוקקות. ער איז ארויף דעמאלטס צום פלאץ ווי ער איז ארויף. דערנאך, נאך וואס ער האט זיך פיל פארזוימט האט ער געעפנט זיין מויל און אנגעהויבן זאגן מיט א וואונדערליכע זיסקייט: "יום הששי" וכו'."

מיט די קורצע ווערטער שילדערט ר' נתן (שיחות הר"ן קס"ט) אביסל ווי אזוי עס האט אויסגעזען **'א שבת ביים רבי'ן'**...

אה... ווער קען זיך דען עס פארשטעלן, א שבת ביים הייליגן רבי'ן אליין. די קורצע שילדערונג גיבט אונז בלויז א קורצע ארייבליק צום הימלישן אטמאספערע וואס האט זיך דאן אפגעשפילט דארט.

פארשטענדליך אז דער פייער וואס איז געווארן אנגעצינדן אין די הערצער פון די אנוועזנדע ביים 'טיש' איז נישט אזוי שנעל פארלאשן געווארן. איבערהויפט ביים געטרייען תלמיד 'ר' נתן' וועלכער איז נאך די געהויבענע מעמד ארויס צום בארטן פונעם טייך באג, ווי ער האט במשך די גאנצע ליל שבת קודש געשריגן צום אויבערשטן "אין ברסלב ברענט א פייער, פייער אריין דעם פייער ביי מיר אין הארצן אריין".

•••

### אומאן – שבט תקע"א

עס איז שוין עטליכע חדשים נאכן רבי'נס הסתלקות, די פייער'דיגע לעבטיגע טישן זענען שוין נישטא, אבער אין זכרון פון ברסלב'ע חסידים איז עס נאך טיף איינגעקריצט, זיי לעבן עס נאך מיט לעבעדיג.

געווען איז עס ביים ערשטן צוזאמקנופט פון ברסלב'ע חסידים נאך וואס עס אוועקגעריסן געווארן פון זיי זייער מנהיג און וועג ווייזער דער אור האורות רביה"ק זצוק"ל. ערב ר"ח שבט תקע"א אויפן רוף פונעם תלמיד הגדול דער הייליגער ר' נתן האבן זיי זיך צוזאמגעקומען אויפן ציון פונעם הייליגן רבי'ן, און דערנאך געפראוועט א געהויבענע שבת אינאיינעם. ארום זעכציג פון אונזערע לייט זענען געווען אנוועזנד דארטן און האבן זיך אינאיינעם געזעצט צום טיש עסן די סעודת ליל שבת קודש.

אנקומענדיג צו זינגען דעם ניגון "אזמר בשבחין" האט א שטיל שוויגעניש באהערשט דעם גאנצן ארום. פאר זייערע אויגן זעען זיי נאך ווי דער הייליגע רבי בחיים חיותו שטייט מיט א פארפלאמטע געזיכט, און מיט זיין הייליגע קול הייבט ער אן דעם ניגון "אזמר בשבחין" ווען נאר זיין ריינע שטימע ווערט געהערט, און די חסידים ברומען זיך בלויז אונטער ארויסהעלפנדיג דעם רבי'ן. יעצט אז דער רבי איז נישטא ווער וועט זיך וואגן צו אנהייבן זינגען אנשטאט דעם רבי'ן?!.

נאך עטליכע מינוט האט ר' נתן געבראכן די שטילקייט אויסרופענדיג: "אזוי האט געזאגט די נחל נובע מקור חכמה וואס האט נישט טועם געווען קיין טעם חטא אין זיין לעבן – "אזמר בשבחין" און מיר האבן זיך אונטערגעברומט בם בם, בם בם". און אזוי האט ער ווייטער געזינגען דעם גאנצן ניגון.

•••

### ליבערטי, נוי יארק - שבט תשפה

א שיינעם ציבור פון איבער הונדערט אינגעלייט שטייען פארזאמלט אינעם גרויסן עס-זאל ארום די רייך געדעקטע טישן. מען האט נארוואס געענדיגט דעם פייערדיגן קבלת שבת מיט די געהויבענע ריקודין, דער עולם שטייט און זינגט אינאיינעם די זמירות, די אטמאספער איז דערהויבן, ווארעם און הייליג, מען שפירט בחוש אז די רבי איז דא.

דאס איז דאך קלאר און באקאנט ביי יעדן ברסלב'ע חסיד אז 'יעקב אבינו לא מת', מיר האבן א לעבעדיגע רבי'ן כפשוטו. א רבי וואס גייט פאר אונז און ווייזט אונז די ריכטיגע וועג אין לעבן אין יעדן מצב, כאטש מיר זעען אים נישט אין קיין גשמיות'דיגע גוף. עס איז נישט קיין שום חילוק צו מען שטייט בלויז עטליכע חדשים נאכן הסתלקות אדער שוין איבער 012 יאר נאכדעם.

ווען ברסלב'ע חסידים נעמען זיך צוזאם אינאיינעם פראווען א שבת, פירט די הייליגע רבי אליין טיש. קיין שום משפיע וואס געבט איבער באגאבטע דרשות איז נישט דער וואס פירט דעם שבת. עס א שבת בראשות דעם הייליגן רבי'ן אליין, וואס זיין גייסט שוועבט איבער אונז, און פון זיין ליכטיגקייט זענען מיר מקבל דעם נועם קדושת שבת.

האט איר הנאה געהאט פונעם גליון? האט איר סיי וואסערע הערות און געדאנקען איבערצוגעבן?
לאזט איבער א מודעה אויף **מערכת ברסלב 605-313-1800** ביים ספעציעלן אפטיילונג 2>5<9

# לחיותינו כהיום

מהנעשה והנשמע בקרב המסתופפים בצילא קדישא

מיט א זעלטענע גייסט פון 'שמחה' און 'חיות' האבן ברסלב'ע חסידים אין אמעריקע אויף גענומען דעם אזוי לאנג ערווארטעטן גליון "להחיות" אויף אידיש ווען עס איז ערשינען צום ערשטן מאל דעם פארגאנגענעם שב"ק פרשת בא.

דער רייכער גליון להחיות וואס פשוטו כמשמעו לעבט אויף אידישע נשמות און שיינט אריין די לעכטיגקייט פונעם הייליגן רבי'ן אין דארשטיגע הערצער מיט די געשמאקע דיבורים אינהאלטספולע מאמרים וואס קוועלן פונעם ריינעם קוואל דער נחל נובע מקור חכמה, און ערשיינט מיטן איינעם ציל צו ברענגען אידישע קינדער נענטער צו אונזער ליבן טאטן אין הימל און געבן צו שפירן דעם 'קרבת אלוקים לי טוב' האט געטראפן אין ציל. ווי פילע אידן געבן איבער ווי די דאזיגע ווערטער פונעם גליון האט זיין שטארק מחזק געווען און אויפגעוועקט לעבודת ה'.

•••

יעצט ערשיינען מיר ווידער אמאל און דאסמאל אויף א גרעסערע פארמאט לרגל דעם גרויסן 'שבת התאחדות להתחדש' ווי כלל אברכי אנשי שלומינו נעמען זיך נאכאמאל צוזאמען פראווען א שבת אינאיינעם ממשיך זיין דעם רבין זיך מחזק זיין און זיך אויפפרישן איינער דעם צווייטן.

די שבת ווערט געפירט אינאיינעם מיט די חשובע גאסט הרה"ח ר' שאול סירוטה שליט"א פון ארה"ק און נאך חשוב'ע משפיע אנ"ש פון דא אין אמעריקע ווי עס איז שוין ברייט באוואוסט פאר ווער עס האט שוין אמאל אנטייל גענומען אין אזא שבת ווייסט צו זאגן אז א ברסלב'ע שבת איז גאר עפעס אנדערש די פייערדיגע תפילות, די ליכטיגע סעודות, און געשמאקע זמירות, די זיסע דיבורים וואס ווערן געהערט, קאכעדיגע התבודדת'ן ביי חצות און במשך א גאנץ שבת, און איבער אלעם די די מורא'דיגע אהבת ודיבוק חברים – די השראה פון הייליגן רבי'ן וואס שוועבט אין די לופט, און די השפעות וואס מען נעמט מיט פון דעם אויף א גאנץ יאר בנועם קדושת שבת.

•••

און די זעלבע צייט הערט מען פון אלע שטעט ווי עס קומען פאר רעגעלמעסיג "חבורות", ווי מען קומט זיך צוזאם 'לקבל דין מן דין' דעם דעת פון הייליגן רבי'ן, און זיך אינאיינעם 'אויפלעבן' מיט זיינע הייליגע דיבורים. א לענגערע רשימה ווערט פארעפנטליך אין די יעצטיגע טעג פון אלע עקזעסטירנדע חבורות איבער גרעיטער נוי יארק און נוי זשערסי.

מיט דעם ווענדן מיר זיך צו אלע חברים אין אלע שטעט אויב איר ווייסט פון נאך א חבורה אדער אויב ווילט איר גרינדן א פרישע חבורה אין אייער געגנט \ שטאט ביטע לאזט איבער א מודעה אויף מערכת ברסלב ביים ספעציעלן קעסטל 9>5>3 פונעם הויפט ארייגאנג, און די געטרייע עוסקים במלאכת הקודש וועלן זיך פארבונדן מיט אייך צו ארויסהעלפן מיט וואס עס פארלאנגט זיך.

**רק תחזיקו עצמכם ביחד, אז תיהיו אנשים כשרים!**

דימון | עיצוב והדפסה

# א אינגערמאן קען זיך פארבענקען...

לעבנסשטריכן פון א ברסלב'ער אינגערמאן
לקראת דעם שבת "להתחדש"

## ליל שישי תשע"ח

א קילע פארטאגס ווינטל ענטפאנגט מיר עפענענדיג דעם טיר פון מיין היים ארויסצוגיין צום ביהמ"ד. עס איז ליל שישי 2:00 אזייגער פארטאגס, אינמיטן די לאנגע קאלטע ווינטערדיגע נעכט, די גאסן זענען פוסט און וויסט ווען בלויז די שארפע פייפן פון די ווינטן הערט זיך איבער די ליידיגע גאסן.

נאך א ווארעמע מקוה קום איך אריין אין ביהמ"ד. דא זעט מען שוין יא עטליכע בחורים וועלכע האבן אויך געהאט דעם קאפ אויפן פלאץ צו אויסנוצן די גאלדענע ווינטער נעכט. מיט א ווארעמע קאווע ביי דער זייט עפן איך אויף דער גמרא און איך זעץ מיר לערנען מיט א געשמאק אינאיינעם מיט מיין חברותא. צוביסלעך פילט זיך דער ביהמ"ד מער און מער אָן, און א הייליגער קול תורה דינערט אפ אין דער שטילקייט פונעם פינסטערן נאכט.

דער זייגער ווייזט שוין אויף 3:30. נאך א געשמאקער שעה פון לימוד התורה ווענד איך מיינע טריט צום ארויסגאנג פון ביהמ"ד, נאך עטליכע מינוט קומט שוין דער קאר צום פעלד ווי מען לאזט זיך ארויס אינאיינעם זיך אויסגיסן דאס הארץ פארן אויבערשטן 'חוץ לישוב'.

די געשמאק פון א התבודדות מחוץ לישוב אין די פריע פארטאגס שעה'ן איז נישט עפעס וואס איך קען שילדערן. א גאנצע וואך בין איך אין ישיבה און איך דארף אראפ'גנב'ענ'ן צייט צו רעדן אביסל צום אויבערשטן, אבער דא אין דער טונקעלער פעלד ווייט פונעם רוישיגן עולם הזה, קען איך זיך באמת מיישב דעת זיין און זיך ריכטיג אויסשריייען צום אויבערשטן.

די שעה לויפט פארביי שנעלער ווי געראכטן. מיט כח רייס איך זיך ארויס פון צווישן די ביימער ווענדיג מיינע טריט צום 'ריקוד' וואו די חברים טאנצן אינאיינעם, און אט לאזט מען זיך ארויס צוריק צום ביהמ"ד אפצוזעכטן א תפילה בכח מיט אונזערע לייט.

נאך איין מזל אז די ישיבה סטעפט פארשטייט, נישט צו מאכן ישיבה פרייטאג שובבי"ם - טראכט איך צו מיר. נאך אזא נאכט - וואס קען זיין א פאסיגערע זאך ווי צו גיין דאווענען א תפילת ותיקין אין בית מדרשינו וואס איז 'בוקע רקיעים'?! דער טעם גן-עדן שפירט זיך אין אלע ביינער ארויסזאגנדיג מיט א געשמאק די פסוקים פון פסוקי דזמרה. א ווארעמקייט נעמט מיר ארום זאגנדיג ווארט ביי ווארט די ווערטער פון 'יוצר אור'. און ווער רעדט נאך ווען א פלייץ פון טרערן גיסט זיך ארויס פון מיינע אויגן בעטנדיג 'והאר עינינו בתורתך'.

דאס דאווענען ציהט זיך לאנג, אבער איך שפיר בכלל נישט ווי די צייט לויפט פארביי, און טראץ וואס איך האב שוין פארלאזט דעם ווארעמען בעט פאר א היפשע ווײלע צוריק און אראפגעלייגט דערנאך אזא עבודה, שפירט זיך נישט קיין מידיקייט אין די ביינער. מיט א פרישקייט גרייט איך זיך צו 'מעביר סדרה' זיין מיט די רבינו תם תפילין, נישט פארן אריינכאפן א געשמאקע בריוועלע פון ר' נתן אינאיינעם מיט די חברים.

די זון געפינט זיך שוין טיף אינמיטן הימל ווען איך טרעף מיר ענדליך אינדערהיים. כאטש איך האלט נאך אזא לאנגע סדר העבודה, לייג איך מיר נישט שלאפן פארן אנגרייטן דעם שבת-טיש און ארויסהעלפן מיין מאמע מיט די פילע הכנות לשבת קודש. נאנט צו חצות-היום כאפ איך ענדליך א געשמאקן דרימל צו מקיים זיין דעם 'מתוקה שנת העובד'. אבער גאנץ שנעל טרעף איך זיך אינדרויסן פון בעט. איך לויף אין מקוה אריין, און איך עספיע נאך אנצוקומען אין בית מדרש א היבשע ווײלע פאר מנחה.

נישט אלעמאל בין איך זוכה צו זאגן די פסוקים פון 'שיר השירים' מיט אזא געשמאק, אבער ווען יא, איז עס אַן עונג שבת וואס לוינט נישט צו פארפאסן. די זעלטענע לשונות פון כיסופין און אהבה וואס שלמה המלך דרוקט זיך אויס דארטן איז עפעס וואס איז נישטא צו באקומען. נאכן זיך באַלעקן מיט א שיר השירים, און נאכן אריינכאפן צו לערנען אביסל חסיד'ישע ספרים אויף דער פרשה, הערט זיך שוין דעם חזנ'ס קול "הודו לה' כי טוב"...דא הייבט זיך שוין באמת אָן דער 'מעין עולם הבא יום שבת מנוחה'; וואס קען זיין א בעסערע הקדמה צום הייליגן שבת ווי ארויסשרייען א "ויצעקו" אויף אלע מעברים פון דער וואך און דאנקען מיט א "יודו" אויף אלץ וואס מען איז אריבער בשלום. דערנאך די מנחה מיט דעם ספעציעלן התעוררת'דיגן נוסח, און די בענקעדיגע 'קבלת שבת', די פייערדיגע 'לכה דודי', און די געשריי "ואהבָתךָ" ביי מעריב - דאס איז דאך ממש דער גן־עדן פון א ברסלב'ער בחור.

נאך א געהויבענעם ריקוד מיט אנ"ש, קום איך אהיים מיט א דערהויבנקייט צום שבת טיש ביי מיינע עלטערן אין שטוב, מען זינגט אינאיינעם די זמירות, מען רעדט דיבורים פון הייליגן רבי'ן וואס מען האט זיך אנגעזאפט במשך דער וואך. מיינע עלטערן שעפן פילע הויפענעס פון נחת. דער זייגער ווייזט שוין אויף היבש א שפעטע שעה. איך געדענק אז איך דארף גיין שלאפן פרי, מען קען דאך אניאגן צו אויפשטיין מארגן פרי און אויסזאגן תהילים שבת אינדערפרי פארן דאווענען. אבער איך קען נישט מוותר זיין אויפ'ן "י-ה אכסוף", מיט "צמאה נפשי"... מיט א געשמאק זינג איך די ניגונים שוועבנדיג אין עפעס א העכערע דערהויבענע אטמאָספער...

## ליל שישי תשפ"ה

איך קום אהיים ביינאכט נאך נאכט-כולל אויסגעמוטשעט. נאך א לענגערע גערענגל צו דרעזן אלע ליכטיגע קינדערלעך אין בעט, בלייבט נאך פאר מיר היבש ארבעט ארויסצוהעלפן מיט דער שטוב ווירטשאפט. ענדליך נאך חצות-הלילה דערזעה איך זיך אין בעט...אינדערפרי שטיי איך אויף די לעצטע רגע צו ליינען קריאת שמע בזמן, און יאג קוים אָן דעם לעצטן מנין פאר סוף זמן תפילה... איך שלאָג זיך מיט מיר אליין צו מעביר סדרה זיין גלייך נאכן דאווענען כדי זיך נישט צו טרעפן שבת אינדערפרי ביי קריאת התורה האלטנדיג נאך פארדעם...

גלייך ווארט שוין פאר מיר א לאנגע ליסטע צו גיין איינקויפן. איך קום אהיים און די הויפענעס פון ארבעט שפרינגען מיר אין פנים, ווען בשעת'ן זיכער מאכן אז די קינדער פירן אויס זייערע פליכטן ארויסצוהעלפן מיט די הכנות, בלייבט אויך פאר מיר אליין גענוג וואס צו טון... קוים מיט צרות יאָג איך אָנצוקומען אין מקוה ווילאנג עס איז נאך פארהאן עפעס הייס וואסער אין די שויערס... מיט די נשמה אין די הענט דערזעה איך זיך אין ביהמ"ד ווען דער חזן לאזט הערן זיין שטימע מיט די ווערטער "מי חכם וישמר אלה ויתבוננו חסדי ה'.."

איך מורמל אפ די ווערטער פון הודו און קרבנות און שטעל זיך דאווענען מנחה. ביי 'לכה דודי' דרימל איך איין פון גרויס מידיקייט, און אזוי גיי איך אהיים פראווען א סעודה פאר מיין חשוב'ע געזינדל, ווען לעבעדיג פרישע קינדער שפרינגען פון אלע זייטן און איך בין קוים מצליח צו זינגען אביסל זמירות און ארויסליינען עפעס א געדאנק אויף דער פרשה פון א גליון.

די מידיקייט באהערשט מיר, איך שטרענג זיך אָן צו פאראנדיגן די זמירות. איך האלט שוין ביי 'צמאה נפשי', ווען צווישן יעדע צווי שטיקלעך דרימל איך נאכאמאל איין. איך דערמאנטער מיר שוין צום סוף פונעם ניגון, ווען ווידעראמאל פאלט מיין קאפ צו די זייטן. מיינע אויגן דעקלען פארקלעבן זיך... נאך צווי מינוט כאפ איך זיך פונדאסניי אויף, מיינע אויגן וואנדערן צום זמירות צו דערגיין וואו איך בין שטעקן געבליבן, און שטעלן זיך אפ

ביי צוויי פאר דעם לעצטן שטיקל. איך הייב אָן מורמלען ווייטער "זכור אהבת קדומים"... אבער דער באדייט פון די ווערטער שטעלן מיר אפ... ווידעראמאל שווימט עס ארויף...

די אלטע זיסע זכרונות פון אלס בחור וועקן זיך אויף... די ליכטיגע ליל שישי'ס, די געשמאקע פרייטאג צונאכטס שטעלן זיך פאר מיינע אויגן... די ווערטער וואס איך זאג ארויס, וועקט אויף ביי מיר נאסטאלגיע פון א העכערע דערהויבענע לעבן, עפעס וואס איך האב אמאל מיטגעלעבט אין די ווייטע פארגאנגענהייט...

אוי "והחיה נרדמים"... 'אוי רבוש"ע, וועק אויף די פארשלאפענע'... ווי נעמט מען צוריק די פריערדיגע טעג? עס בענקט זיך אזוי...

און דאן שווימט מיר ארויף דעם דיבור פון הייליגן רבי'ן: "אַ יוּנְגֶערְמַאן קֶען זִיךְ פַּארְבֵּינְקֶען צוּ הַשֵּׁם-יִתְבָּרַךְ אִין אַ ווִינְטֶערְדִיגֶער פְּרַייטִיג-צוּנַאכְט, עֶר זָאל נִישְׁט ווִיסְן אַוואוּ דִי נַאכְט אִיז אִים אוּם גֶעקוּמֶען".

איך טראכט צו מיר מיט ווייטאג, מילא פארבענקען, דאס איז דאך וואס איך טו יעצט - איך פארבענק זיך צו אלטע פארגעסענע צייטן. אבער א אינגערמאן קען זיך פארבענקען 'צו השי"ת'?! אפשר אלס בחור האב איך געשפירט דעם טעם פון זיך פארבענקען אין א פרייטאג צונאכט צו השי"ת, אבער יעצט זענען מיינע כיסופין און בענקשאפט נאר צו מקיים זיין וואס פריער דעם 'שינה בשבת תענוג'...

## שבת להתחדש

לאנג האט מיר די שאלה געבאדערט, פיל האב איך געזוכט און געפארשט נאך אַן אמת'ע תשובה. נאך פילע התבודדות'ן און ישוב הדעת, מיט אסאך 'שיחת חברים', און 'חיפוש וביקוש' ביי גדולי אנ"ש, איז מיר אויסגעקלאָרט געווארן דער נושא וואס איך האב באקומען די ריכטיגע בליק אויף דעם:

קען טאקע זיין אז א אינגערמאן פארמאגט פיל מער מניעות, מער טרדות, זיין הארץ איז מער פארשטאָפט, אז עס דאכט זיך אים אז דאס איז דאס; דאס הארץ וועלכער ער האט אמאל פארמאָגט, די כיסופין און רצונות, די בענקעדיגע אויגן און ריינע תמימות, דאס אלץ געהערט נאר צום זיסן אמאל און זענען בלויז נאסטאלגישע זכרונות פון די בחור'ישע יארן, היינט איז דאס שוין נישט שייך, איך בין שוין לאנג נישט דארט...

אבער ר' נתן קומט און דעקט אונז אויף - יעדער איד פארמאגט א הארץ!

אויך דו - טייערער ליכטיגער אינגערמאן - דו פארמאגסט אויך א הארץ. עס איז פאראן אין אונז א נקודה פון א ריינע טיפע ליבשאפט צום אויבערשטן וואס אלע שטורמישע כוואליעס אין דער וועלט קענען איר נישט פארפלייצן, מיט אלע זייערע כוחות וועלן זיי נישט באוויזן צו דערשטיקן דעם פלאם - די נקודה פון רצון און כיסופין וואס ברענט אין יעדער איד. אבער זיי שטארקן זיך איבערן מענטש איינמאל און נאכאמאל, ווען פיל מאל געלונגט זיי ליידער צו פאַרשטעלן דאס פינטעלע און אונז ארייַנוואַרפן אין אהבות נפולות, עצבות, חלישות הדעת, אדער סתם טרדות פון לעבן, וואס שטעלן זיך נישט אפ פאר קיין רגע פון זייער תכלית-לאזע געלויף, א מצב וואס ווערט אנגערופן אינעם הייליגן רבי'נס שפראך 'חרפה שברה ליבי'...אה! עס אבער פאראן א צדיק אויפן וועלט, אַן 'איש אשר רוח אלוקים בו', וואס ווייסט צו גיין אנטקעגן דעם 'רוח' פון יעדן איינעם... ער בלאזט אראפ די שטויב וואס איז אנגעזאמלט אויפן הארץ, ער בלאזט אריין א רוח חיים אין דאס פארלאשענע קויל, ביז צוביסלעך צוביסלעך, 'השלהבת הלב עולה מאליה', עס הייבט ווידעראמאל אָן שיינען די אויסטערלישע ליבשאפט צום אויבערשטן.

אבער אויך אויף דעם איז דא מניעות און שווערע אפהאלטונגען... דער אור הצדיק ווערט באהאלטן און פארשטעלט, עס ווערט פארשוועמט און פארגעסן אינעם גאלאפ פונעם לעבן - עס איז לייכט נישט גענוג. איי - און דאס הארץ... דאס הארץ בלייבט ערגעץ-וואו שטעקן... ער פארגעסט פון די ליבשאפט. ער פארגעסט פון די געגועים פון זיין טאטע אין הימל וואס ווארט צו זען זיין בענקעדיגע בליק, די טיפע קרעכצן...

דער יצר הרע רייצט זיך, ער רעדט איבער, ער לאזט נישט דעם מענטש בלייבן באהאפטן צום ליכטיגקייט פונעם צדיק. מיט זיין גרויזאמקייט דרייט ער נאך איבער דער ליכטיגקייט פונעם צדיק צו עפעס וואס געהערט צו בעלי מדריגה, פרושים און דערהויבענע, כאילו עס איז נישט געמאכט פאר פשוט'ע און פראסטע, אזעלכע וואס זענען לעבעדיגע 'ישיני עפר'...

דער הייליגער רבי ער איז דער 'נחל הנובע', דער טייך וואס רייניגט פון אלע פלעקן און שמוץ. ער האט דעם כח צו אויסהיילן יעדן קלקול און פאררעכטן יעדן בראך.

ער איז עוסק א גאנצע צייט צו רייניגן די נשמות וואס זענען מקורב צו אים, פון אלע תאוות, צו העלפן יעדן איינעם אין דער מלחמה מיט זיין נידריגער יצר הרע, אויך אזא איינער וואס איז געפאלן און געפאלן און ער פאלט - 'בל ידח ממנו נידח'... ער איז זיך נישט מייאש פון קיינעם.

אבער "אָדָם יְחִידִי יְכוֹלִין לְהַפִּיל חַס וְשָׁלוֹם, עַל-יְדֵי הִתְגַּבְּרוּתָם" (בציעת הפת ה') - איינעם אליין קענען זיי אומווארפן. עס איז טאקע דא א צדיק, אבער זיין ליכטיגקייט ווערט נישט נמשך בשלימות אָן דאס באהעפטונג צו חברים אנשי הצדיק, סיי בפשטות, סיי אין דעם רוחניות'דיגן סגולות'דיגן מציאות. דער אור הצדיק ווערט נאר נמשך און טוט אויף דאס זייניגע נאר ווען פיל צוזאמען באהעפטן זיך און פארבינדן זיך אינאיינעם, אינעם קיבוץ הנקרא על שם הצדיק.

אט דאס איז די תשובה וואס איך האב באקומען אויף דער פראגע וואס האט מיר געעגבערט יענעם פארבענקטן פרייטאג צונאכטס.

"תֵּכֶף כְּשֶׁמִּתְקַבְּצִים אֶל הַצַּדִּיק שֶׁהוּא אִישׁ אֲשֶׁר רוּחַ בּוֹ, מֵאִיר בְּחִינַת נְקֻדַּת צַדִּיק שֶׁיֵּשׁ אֵצֶל כָּל אֶחָד". (ליקו"ה ברכת הודאה ו') "כְּשֶׁמִּתְחַבְּרִים רַבִּים יַחַד וְכַוָּנָתָם אֶל הָאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ לְהִכָּלֵל בְּצַדִּיקֵי אֱמֶת... בְּוַדַּאי יֵשׁ לָהֶם כֹּחַ בְּיוֹתֵר לְהַמְשִׁיךְ עֲלֵיהֶם הֶאָרָה מִשָּׁרְשֵׁי נִשְׁמוֹתֵיהֶם הַנִּמְשָׁכִים עַל-יְדֵי הַצַּדִּיקֵי אֱמֶת". (ליקו"ה בציעת הפת ה') "כָּל תַּקָּנָתוֹ שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל כָּל יָמָיו לְבַקֵּשׁ עַל נַפְשׁוֹ לִהְיוֹת נִכְלָל בְּתוֹךְ הַצִּבּוּר הַמְקֻשָּׁרִים לְהַצַּדִּיק הָאֱמֶת... כִּי רַק עַל-יְדֵי זֶה יֵשׁ לוֹ גַּם כֵּן תִּקְוָה גְּדוֹלָה". (ליקו"ה קריאת התורה ו')

שבת להתחדש - אט דאס איז דער ענטפער. אט דאס איז די לעזונג צו די פילע התגברות פון דער סטרא אחרא צו מעלים זיין דעם אור הצדיק. דאס איז דער וועג צוריק אויפצופלאמען דער פארבארגענער ליבשאפט, דאס פייערל וועלכער טליעט טיף אין הארצן.

אבער נישט בלויז איינמאל אין יאר פירן מיר דאס אויס. דער "שבת להתחדש" איז טאקע די ריכטיגע צייט זיך צו באנייען אין דעם 'יסוד היסודות', און פון היינט און ווייטער זיך קובע זיין און זיך טרעפן יעדן טאג מיט אונזערע לייט, און כאטש איינמאל א וואך זיך אראפזעצן ביי א חבורה און רעדן אינאיינעם שיחת חברים, און זוכה זיין בזכות דעם צו זיין 'אנשים כשרים'.

